# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 147 | Łódź, Wtorek, 27 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ג׳ תמוז תרצ״ג | № 147 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# צוזאמענפאהר פון יודען

## בעטייליגטע אין די פוילישע פרייהייטס-קאמפען און אין דער מלחמה

ווארשא, 26 (טעלעפאניש)

אין זאל פון שטאט-ראט איז נעכטען פאר-געקומען די פייערליכע זיצונג פון צוזאמענפאהר פון די פאראיינען פון יודען וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער מלחמה און אין די פוילישע פרייהייטס-קאמפען.

דעם מלוכה-פרעזידענט האט אויף דעם צו-זאמענפאהר פערטרעטען דער וויצע קריגס-מיניס-טער גענעראל פאבריצי. ווייטער זענען געווען פארשטעהער פון דעם פעדעראציע פון די מיליטער פערבאנדען, פון די ארגאניזאציעס פון געוועזענע מיליטערלייט און פון דער יודישער גמינע.

די פייערונג האט געעפענט דער פרעזעס פון דער הויפט פערוואלטונג רעזערוו פארוטשניק ליאן ברעגמאן.

רעפעראטען האבען געהאלטען פראפ. זשמיגראדער קאנאפקא וועגען די אויפגאבען פון פערבאנד און פראפ. באלאבאן וועגען דעם אנטייל פון די יודען אין די פוילישע אויפשטאנדען.

וואונש-דעפעשען האבען צוגעשיקט פרעמיער יענדזשיעוויטש, גענעראל ארליטש דרעשער.

נאכדעם האט מען אוועקגעשיקט האלדי-דעפעשען צום מלוכה-פרעזידענט, צום מארשאל פילסודסקי און פרעמיער יענדזשיעוויטש.

פון נאכמיטאג אן האבען זיך בעראטען די קאמיסיעס.

# מיניסטער בענעש דערוויטערט פוילען פון זיינע פלענער

פאריז, 26. (ספ. טעל.) די היגע פרעסע קאמענטירט לעבהאפט דאס שבת׳דיגע געשפרעך צווישען מיניסטער בענעש, פאול באנקור און דעלאדיע.

די געשפרעכען זענען פארגעקומען צווישען פיר אויגען.

פון גוט אינפארמירטע קרייזען שטעלט מען פעסט, אז די הויפט־טעמע פון געשפרעך, זענען געווען, די פראגען וועגען די ארגאניזאציע פון אייראפע און די דיסקוסיע פון מוסאליני׳ס פלענער.

מיניסטער בענעש זאל האבען ארויסגעטרעטען מיט אן אייגענעם פראיעקט וועגען געזונד־מאכען די ווירטשאפטליכע סיטואציע און וועגען פאליטישען שלום, דער אויספיהר פון דעם פלאן, זאל זיין די סיטואציע, וואס האט זיך געשאפען לויט דעם „פאקט פון 4“, מיניסטער בענעש זאל האבען גע-נומען אין אכט די צילען פון פראנקרייך צו זיך-האלטען פריינדשאפטליכע בעציהונגען מיט איטאליען, און אויך נאכצוקומען די פערלאנגען פון מוסאליני.

מיניסטער בענעש׳ס פראיעקט וועלכער זאל ווארשיינליך רעפרעזענטירען די מיינונג פון דער קליינער קאאליציע, נעמט אלס יסוד מאקדאנאלד׳ס פלאן, צופאסענדיג איהם, צו די געענדערטע איצטיגע בעדינגונגען.

די פראנצויזישע צייטונגען שטרייכען אונטער, אז פון בענעש׳ס פלענער זענען אויסגעמיטען דער־ווייטערט יעדע פערבינדונג מיט פוילען, און זעהען דערין דאס אפקיהלען די בעציהונגען צווישען פוי-לען און די לענדער פון דער קליינער קאאליציע.

היינט, דינסטאג 9 אווענד

טעאטער „סקאלא“

15 שרודמיעסקא 15

היינט, דינסטאג 9 אווענד

# היינט אבשידס=אוונד! היינט

פון די גרויסע אמעריקאנער סטאר=קינסטלער

## לוסי און מישא



# גערמאן



ספעציעל־פייערליכער אפשידס-פראגראם!

1) דער גרויסער וועלט-שלאגער מיט לוסי גערמאן אין איהר קרוין=ראל

# „די אייביגע מאמע“

אין 3 אקטען פון קאלמאנאוויטש.

רעזשי: מישא גערמאן.

לכבוד

# 2) אפשידס=קאנצערט לוסי און מישא גערמאן

אויסגעפיהרט דורך די בעליבטע ספעציעל־אנגעזומענע ארטיסטען:

## מאקס באזשיק, ש. לאנדע, יעקב זוצאנאוויטש, פערל אוריך און מרדכי הילסבערג

ביים קלאוויר: מאביעק וויינבערג.

3) דער שלוס פון אווענד דאס געזעגענען זיך פון די חשובע קינסטלער

## לוסי און מישא גערמאן מיט׳ן לאדזער פובליקום!

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון סקאלא-טעאטער.

# אנטי-יודישע עקסצעסן אין וויען

## היטלעריסטישע ספארטלער שלאגען יודען

## און אויסגעהאקט שויבען אין יודישע געשעפטען

ווין, 26. (יט"א טעלעגראפיש) בעכטען איז אין דער שטאט געווען אומרוהיג. אין אנדערע שטאט־טיילען איז געקומען צו טעראר־אקטען. צום גליק זענען קיין מענשליכע קרבנות נישט געווען. פיל יודיש אייגענטום איז פערניכטעט געווארען, אין פיל יודישע געשעפטען זענען אויסגעהאקט געווארען די שויבען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם טעראר־פעסט, האבען היטלעריסטישע ספארטלער פערשעפעט די דורכגעהער, פיל יודען זענען פערוואונדעט געווארען.

פאליציי האט עטליכע היטלעריסטישע אנאנ־טורניקעס אריעסטירט.

## א חוץ היטלעריסטן טאר קיין שום פארטיי נישט עקזיסטירען אין דייטשלאנד

### רעדעס פון די מיניסטארען געבעלס און עסער

בערלין, 26. (ספ. טעל.) אין משך פון נעכ־טיגען טאג האבען 2 היטלעריסטישע מיניסטארען, געבעלס און עסער געהאלטען רעדעס אין וועלכע זיי האבען געגעבען א גענויע ליכט אויף די היט־לעריסטישע פלענער בנוגע דער פאליטיק אין דייט־טשלאנד.

מיניסטער געבעלס האט ערקלערט, אז צוליב'ן ציל פון די סאציאליסטען צו פעראייניגען דאס גאנצע דייטשע פאלק אין איין פארטיי, פערלירען אלע אנדערע פארטייען די רעכט פון עקזיסטענץ. צוליב דער איצטיגער סיטואציע קען מען זיך נישט ערלויבען אויף פארטיי שפאל־טונגען.

נאך אין א שארפערען טאן האט גערעדט מיני־סטער עסער, אויף א פערזאמלונג אין מאנהיים, ער האט געזאגט אז די היטלעריסטישע רעגירונג מוז אונטערנעמען א גרויסע אקציע כדי איבערצו־נעמען די גאנצע פאליטישע מאכט אין איהרע הענד.

אין א זעהר שארפע פארם איז דער רעדנער ארויסגעטרעטען געגען דער ביירישער פאלקס־פארטיי, וועלכע ער האט בעשולדיגט אז זי ירא־ט אונטער די אויטאריטעט פון דער איצטיגער רעגי־רונג, און האט געדראהט מיט רעפרעסיעס.

## עסטרייכישער קאנצלער וויל אנווענדען טויט שטראף געגען די היטלעריסטישע אטענטאטען

ווין, 26. (ספ. טעל.) אין צירק ענגעלמאן איז פארגעקומען א מאסען פערזאמלונג אויף וועלכע עס זענען ארויסגעטרעטען דער עסטרייכישער קאנ־צלער און דער קריגס-מיניסטער, וועלכע האבען אין זייערע רעדעס אנגעזאגט אן אומבעוויגנגטען קאמף געגען די נאציאנאל-סאציאליסטען.

דער קאנצלער האט געזאגט, יוען עס וואלט אין עסטרייך עקזיסטירט א געזעץ וועגען טויט־שטראף וואלטען נישט פארגעקומען די לעצטע פערברעכערישע אטענטאטען.


מיטוואך, דעם 28 יוני 1933, 9 אווענד קומט פאר

# א גרויסער קאנצערט

אין פראגראם: ג. פ. הענדעל „יהודה המכבי"

לאדזער פילהארמאנישער ארקעסטער און סאליסטען: פרל. ס. קראפיוויק (סאפראן), פרל. ה. זשעבראווסקא (אלט). ל. ריאזאנצעוו (באריטאן)

לאדזער יודישער מוזיק-פעראיין „שיר"

„שיר"-כאר אראטאריום אין 3 טיילען — אויסגעפיהרט דורכ'ן קנאבען-כאר פון דער גרויסער סינאגאגע.

גלענצענדער אראטאריום-זינגער פון בערלין

דירעקציע: פראפ. ל. פיילישיס.

ביים קלאוויר: פרל. א. סאראוויטש.

אויבער-קאנטאר פון ווארשאווער טלאמאצקער סינאגאגע

# משה קוסעוויצקי

(טענאר)

פארק „העלענאוו"

בילעטען צום איינהייטליכען פרייז 1.09 זל. צו בעקומען אין רייזע-ביורא „וואגאן לי" פיעטריק. 64, צוגערניע פיעטריקאווער 12 (ווג פאלודניאווא) און ביי דער קאסע פון פארק „העלענאוו".



# דער איינציגער קאנצערט אין לאדז!

די פערוואלטונג פון דער „תלמוד-תורה" ע"ש הרהגה"צ רבנו אליהו חיים מייזל זצ"ל, מאכט בעקאנט דער עפענטליכקייט, אז נאך גרויסע מיה און אנשטרענגונג איז געלונגען איינצולאדען דעם וועלטבעריהמטען



קינסטלער-חזן ר' ישראל אלטער פון האנאווער

וועלכער קומט די טעג נאך לאדז, און וועט געבען איין איינציגען קאנצערט פון יודיש-רעליגיעזער מוזיק לטובת דער „תלמוד-תורה" של הרהגה"צ רב' אליהו חיים מייזל זצ"ל.

דער קאנצערט קומט פאר אין פילהארמאניע-זאל, מיטוואך,

פ' בלק, י"א תמוז, דעם 5 יולי 1933.

בילעטען-פערקויפסשטעלען: 1) ה' ליטמאן. פיעטריקאווער 32, קאלעקטור; 2) פעראייניגטע פליישער, זגערזשער 2, וואירשט-געשעפט; 3) אין די וואורשט-געשעפטען: דיאמאנט, נאוואמייסקא 24; 4) מ. דישקין, נאוואמיעסקא 13; 5) ס. דישקין פיעטריקאווער 25; 6) ס דישקי', פיעט-ריקאווער 51; 7) בערקאל עט אלשער, פיעטריקאווער 43; פאבריקס-לאגער; 8) דולא זשולאנא 35 עק פאנסקא, טאבאק-געשעפט; 9) שאפירא, אלט-שטאט 12 צוקער-געשעפט; 10) לעדערמאן משה. גייערס מארק 3 קאלאניאל-געשעפט; 11) בערקענפעלד, וואלבארסקא 25 בילדער-געשעפט; 12) תלמוד תורה יאקובא 6. אין טאג פון קאנצערט נאר ביי דער קאסע פון פילהארמאניע פון 10 א זייגער פריה.



וויכטיג פאר דער ארימער לאדזער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס'איז ערעפענט געווארען דאס

# אמבולאטאריום

ביים פעראיין „מלביש ערומים" שענקיעוויטשא 3/5,

וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט. שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אבצאה-לונגען. די פערוואלטונג.



Dr. med.

# Haltrecht

צוריקגעקעהרט

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאג און פון 5—9 אוונט. זונטאג פון 10—1 מיטאג

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטסלאזע לעמשניצע פרייזן



קאפע „ATLANTIC"

פיעטריקאווער 48,

טעל. 11-162

קומט און איהר וועט זיך איבער-צייגען, אז אין מיין ערשטקלאסיגע קיך בעקומט איהר די בעסטע און געשמאקפולסטע

יארסקע מיטאגען

מיט אנ'אויסוואהל פון פערשיד-שפייזען מיט אלע קאמפאטען, וואס געהערען צו יארסקע שפייזען

צו 2 זל. ביז 2.25

ערשטקלאסיגע בעדינונג! סאלידע בע-האנדלונג! מיט אכטונג

די פערוואלטונג.



# אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.



# מאשין-מצות

נעבאקען יעדען טאג פרישע און דינע,

מצה-מעהל ווי אויך סוכארקעס

לויט קארלסבאדער סיסטעם, ווי אויך

פריהשטיקען,

יארסקע מיטאגען

און אווענדברויטען

עמפעהלט די בעקאנטע צוקערניע

N. Weinberg

פיעטריקאווער 38

טעל. 82-143

פערהעלטנעסמעסיגע פרייזען



Dr. L.

# Czarnożył

ארדינירט

אין זומער-סעזאן

— אין —

CIECHOCINER

willa Kościuszko.



דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונזער השוב'ן וויצע-פרעזעס

ה' הערש ווילענסקי

צוליב'ן טויט פון זיין פאטער

יוסף נ"ע ב"ר אברהם יצחק ז"ל

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג

פון „גמילת חסדים"

ביים גרינעם מארק 7.

3385



# די נייעסטע מאדעלען

פון זומער-שיך

און פלעציאנקעס

אין א רייכע אויסוואהל עמפפעהלט

A. Ogórek

11 ZAWADZKA 11.

